# עונג שבת

## פרשת במדבר תשע״א

**אתכם הסליחה: לעצטע וואך האט מען אריינגעלייגט די המשך פון נישט די ריכטיגע מעשה, אנדערש ווי מען האט אנגעפאנגען פרשת בהר. וויבאלד אז מען האט שוין מפסיק געווען אין די מעשה, און צוליב די לעצטיגע געשעענישען, גיין מיר דערציילן א פרישע מעשה יעצט, און ווייטער ממשיך זיין די אנדערע מעשה נעקסטע וואך אי״ה.** ***מען מעג דעם צעטל נאכאלץ נישט ליינען מיט׳ן דאווענען!***

גוט שבת אלע אידן. די פאלגענדע מעשה איז געשען מיט כמעט 300 יאר צוריק מיט דעם צדיק דער בעל ״יערות דבש״ רבי ר׳ יונתן אייבשיץ זצ״ל. רב יונתן איז געווארן א איידם ביי א רייכען איד, וואס האט געגעבן דעם חתן דריי טויזענט גילדען אלס נדן. דער שווער האט געגעבן דעם ריזיגע סכום געלט פארן חתן וואס איז באטראכט געווארן אלס א תלמיד חכם שוין אלס בחור, כדי דער חתן זאל קענען לערנען רוהיגערהייט אן קיין טרדות פון פרנסה.

אזוי ווי געווענטליך, רוב גוים פון יענע שטאט וואו ר׳ יונתן האט געוואוינט זענען געווען שונאי ישראל, און זיי האבן נישט פארטראגן די אידן. איין טאג האבן די גוים מחליט געווען צו בויען א ריזיגע קירכע קעגען להבדיל, דעם גרעסטן בית מדרש אין שטאט. די כוונה פון די גוים איז געווען קלאר, זיי האבן געוואלט אז די קירכע זאל מאכן א שאטן פאר דעם בית מדרש, ה׳ ירחם. פארשטייט זיך אז די אידן אין שטאט זענען געווארן אויפגערעגט וועגן דעם פלאן צו בויען דער קירכע. אבער וויבאלד אז די אידן זענען אין גלות, זיי האבן נישט געקענט קעגנשטעלן די גוים.

איינער פון די אידן אין דער שטאט איז געווארן אזוי אויפגערעגט אז די גוים בויען דער קירכע, אז ער האט געוואלט עפעס טון קעגן די גוים, כאטש עס איז געווען א גרויסע סכנה זיך צו אנהייבן מיט די גוים אין יענע צייטן. דער איד וואס האט געוואלט עפעס טון איז געווען ר׳ אריה לייב, דער חברותא פון ר׳ יונתן. במשך דעם גאנצען צייט ווען זיי האבן געבויט דער קירכע, האט אריה לייב גע׳כעס׳ט אז די גוים טון אזא חוצפה צו בויען דער קירכע דווקא קעגען דעם שול. בשעת זיי האבן געבויט דער קירכע פלעגן אסאך גלחים אריין און ארויס קומען פון דעם פלאץ דעם גאנצן טאג, ר׳ אריה לייב האט עס דערזען און ער איז געווארן נאך מער אין כעס. ר׳ אריה לייב האט צוגעזאגט אז ער וועט נעמען נקמה קעגן די גוים. ר׳ יונתן האט פרובירט צו בארוהיגען זיין חבר, אבער ר׳ אריה לייב האט נישט געוואלט זיך בארוהיגען. ר׳ יונתן האט מסביר געווען פאר ר׳ אריה לייב וועגן דעם הארבקייט פון ארייינברענגען אידן אין א סכנה דורך זיך אנהייבן מיט די גוים. אבער ר׳ אריה לייב האט גארנישט געוואלט הערן.

סוף כל סוף ווען די גוים האבן געענדיגט דעם בנין, איז דעם מצב געווארן אסאך ערגער, ווייל אסאך גוים זענען געקומען וואוינען אין דעם געגענט כדי צו זיין נאנט צו דער קירכע. ר׳ אריה לייב האט שוין נישט געקענט זיך צוריקהאלטן. איין טאג, שפעט ביי נאכט, איז ער אריינגעגאנגען שטילעהייט אין דער קירכע. ער איז ארויפגעגאנגען די שטיגען צו דעם העכסטע פונקט פון דער קירכע, וואו עס איז געשטאנען א ריזיגע צעלעם. ר׳ אריה לייב האט גענומען א שטארקן האמער און ער האט אראפגעהאקט דעם צעלעם און עס איז געפאלן צו דעם ערד מיט א גרויסען קראך!

דער גרודער פונעם קראך האט אויפגעוועקט דעם גלח וואס איז געשלאפן אין דער קירכע. ער מיט אן אנדערע גלח זענען נאכגעלאפן ר׳ אריה לייב און זיי האבן אים געכאפט. זיי האבן אים איינגעשפארט אין תפיסה און אים שטארק געשלאגן. שפעטער האבן זיי גע׳משפט ר׳ אריה לייב זאל פארברענט ווערן, ה׳ ירחם.

ווען אריה לייב איז נישט געקומען צוויי טעג צו לערנען מיט ר׳ יונתן, האט ר׳ יונתן געזארגט אז עפעס איז נישט אין ארדנונג מיט ר׳ אריה לייב. יענע נאכט ווען ר׳ יונתן איז געזיצן און געלערנט אין דעם בית מדרש, איז פלוצלינג אריינגעקומען א גלח פון דער קירכע. דער גלח האט דערציילט פאר ר׳ יונתן און די אנדערע אידן וועגן וואס איז געשען מיט אריה לייב, און ווי די גלחים האבן געפלאנט אים צו פארברענען. דער גלח האט געהאט אחריות אויף היטן דער תפיסה אין דער קירכע, און ער האט פאר די אידן דארט געזאגט אז פאר דריי טויזענט גילדען וועט ער קענען אויסלייזן ר׳ אריה לייב פון תפיסה. די סכום געלט איז געווען גאר גרויס, אבער די אידן האבן געוואוסט דעם גרויסקייט פון דעם מצוה פון פדיון שבוים. די אידן האבן מסכים געווען און זיי האבן צוזאמענגענומען געלט פאר דעם פדיון שבוים.

ר׳ יונתן האט מורא געהאט אז זיי וועלן נישט קענען צוזאמען נעמען אזא ריזיגע סכום געלט איידער די גלחים וועלן הרג׳נען ר׳ אריה. צוליב דעם, האט ר׳ יונתן אליינס באצאלט פאר דעם פדיון שבוים צום גלח, מיט דעם געלט וואס זיין שווער האט אים געגעבן. אבער ער האט גארנישט געזאגט פאר זיין רבי׳צן וועגן דעם. דער גלח איז נתפעל געווארן אז ר׳ יונתן איז גרייט צו געבן זיין אייגענע געלט פאר דעם אויסלייזונג. אזוי ווי דער גלח האט באקומען דעם געלט, האט ער גלייך אויסגעלאזט ר׳ אריה לייב פון תפיסה און ער איז שנעל אנטלאפן פון שטאט.

נאך יענע נאכט זענען געקומען אידן פון דער קהילה מיט דער בשורה טובה אז זיי האבן צוזאמענגעשטעלט דעם געלט (זיי האבן נישט געוואוסט אז ר׳ אריה לייב איז שוין אנטלאפן). ר׳ יונתן האט דערציילט פאר זיי וואס איז פארגעקומען פריער אין דעם נאכט. זיי האבן זיך זייער געפריידט. זיי האבן געוואלט באצאלן פאר ר׳ יונתן די דריי טויזענט גילדען וועלכע ער האט ארויסגענומען פון זיין אייגינען טאש פון דעם דרשה געשאנק פון זיין שווער. אבער, ר׳ יונתן האט נישט געוואלט נעמען דעם געלט. די אידן האבן נאכאמאל געבעטן פון ר׳ יונתן צו נעמען דעם געלט, ווייל זיי האבן אויך געוואלט האבן א חלק אין דער מצוה, אבער ער האט נישט מסכים געווען דערצו.

דערווייל האבן די גלחים זיך דערוואוסט אז ר׳ אריה לייב איז אנטלאפן, און זיי האבן חושד געווען יענעם גלח וואס האט טאקע גענומען דעם פדיון געלט. די גלחים האבן גע׳משפט יענעם גלח צו מיתה. יענער גלח האט זיך אינטער געהערט דעם פסק פון אן אנדערען שטוב און אזוי ווי ער האט דאס געהערט, איז ער גלייך אנטלאפן. ער איז שנעל געלאפן צו ר׳ יונתן׳ס הויז, ר׳ יונתן איז נישט געווען אינדערהיים דעמאלט. דער גלח האט דערציילט פאר ר׳ יונתן׳ס רבי׳צן וואס איז געשען און ער האט דערציילט פאר איר אז ער דארף אנטלויפן ווייל די גלחים וועלן אים הרג׳נען. ער האט איבערגעגעבן פאר ר׳ יונתן׳ס רבי׳צן די דריי טויזענט גילדען און נאך אסאך גאלד און זילבער זאכן וועלכע ער האט צוזאמענגענומען דורך די יארן. ער האט געבעטן אז זי זאל עס האלטן פאר אים, ווייל ער האט נישט געקענט אלעס טראגן אויפ׳ן וועג. ער האט געזאגט אז נאך דעם וואס ער האט געזען ווי ערליך ר׳ יונתן איז, האט ער געוואוסט אז ער קען זיך פארלאזן אויף זיי צו האלטן דעם געלט. און נאך מער, טאמער ער וועט נישט צוריק קומען, האט דער גלח געזאגט אז זיי מעגן האלטן דעם געלט. מיט די ווערטער איז ער שנעל ארויסגעלאפן פון דעם הויז, לאזענדיק אלע געלט און טייערע זאכן ביי איר.

שפעטער דעם זעלבן טאג האט מען געטראפן דעם גוף פון דעם גלח אינטער דעם ברוק פון שטאט. ר׳ יונתן איז אהיימגעקומען און זיין רבי׳צן האט דערציילט אלעס וועגן דעם געלט. זיין רבי׳צן האט זיך שטארק געפרייט וועגן דעם געלט. אבער, עס האט געארט ר׳ יונתן ווייל ער האט געטראכט אז זיין מצוה פון פדיון שבוים איז נישט נתקבל געווארן אין הימעל, ווייל ער האט צוריקבאקומען דעם געלט. צוליב דעם, האט ער געפאסט דריי טעג און נאכדעם האט ער געמאכט א שאלת חלום. דאס ענטפער וואס ער האט באקומען אין חלום איז געווען אזוי: וויבאלד אז ער האט נישט געוואלט אנעמען דעם געלט פון די אידן אין דער קהילה וואס זיי האבן צוזאמענגענומען, און ער האט געוואלט האבן דער גאנצער מצוה נאר פאר אים אליינס, איז דאס געווען א פגם אין דער מצוה, ווייל ער האט נישט געוואלט לאזן אנדערע אידן האבן א חלק אין דער מצוה.

מען קען זיך אפלערנען אסאך זאכן פונעם מעשה וואס האבן א שייכות צו די לעצטיגע געשעענישען. יעדער איינער פאר זיך קען זיך אפלערנען וואס ער וויל, אבער יעדער איינער זאל כאטש איין זאך זיכער ארויסלערנען, ד״ה מען מוז גיין מיט די צדיקים און די רבנים!

דער הייליגער רמב״ן זי״ע איז מסביר איינע פון די טעמים פארוואס די אייבערשטער האט געוואלט ציילען די אידן דורך די צדיקים פונעם דור משה און אהרן ״...כי [משה און אהרן] ישימו עליהם עינם לטובה, יבקשו עליהם רחמים...״ (אויף במדבר א,מה) ד״ה, דער אייבערשטער האט געוואלט אז די אידן זאלן ווערן געבענטשט דורך די צדיקים וואס פירן כלל ישראל. פון דא זעט מען דעם ענין פון זיך האלטן נאנט צו צדיקים. נישט נאר דאס אז מען מוז האבן שייכות מיט צדיקים, מוז מען זיך אויך מייעץ זיין ביי צדיקים כסדר, דורך דעם וועלן די צדיקים קענען אונז בענטשן. צדיקים זענען דאך די פירערס פון כלל ישראל. דורך פאלגען די צדיקים און זייערע שליחים וועט מען זיין אפגעהיטן פון אלעס שלעכטס, און מען וועט זיין געבענטשט מיט אלעס גוטס. גוט שבת אלע אידן.

**איסור גמור צו ליינען דעם צעטל אין מיטן דאווענען און בשעת קה״ת. אויסגעטיילט בתנאי אז מען זאל עס ליינען אין די ריכטיגע צייט.**

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג (845) 362–3234

**מבצע פאר׳ן נייען יאר:** *לעש אויס דעם סעלפון פאר׳ן אריינקומען אין שול, כדי עס זאל נישט שטערן דעם דאווענען!*